בעזרת השם יתברך



# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש

פרשת האזינו
יב תשרי
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 2
(54)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה י, מִבֶּערְגִיר וְעָנִי.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן דִי קֵיסֶרְ'טֶע הָאט תֵּיכֶף גִישִׁיקְט אַז מֶען זָאל וִוידֶער צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דֶעם בֶּערְגֶער מִיט זַיין וַוייבּ דִי בֶּערְגֶערְן (וָואס דֶער קֵיסֶר הָאט זֵיי מַשְׁפִּיל גִיוֶוען אוּן הָאט זֵיי גִימַאכְט פַאר אָרִימֶע לַייט כַּנַּ"ל) אוּן זִי הָאט זֵיי אַרַיין גִינוּמֶען אִין אִירֶע פַּאלַאצְן.

### הַכָּרַת הַטּוֹב

דִי קֵיסֶרְ'טֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, זִי הָאט גוּט גֶעדֶענְקְט דָאס גוּטְס וָואס דֶער בֶּערְגִיר הָאט גֶעטוּן מִיט אִיר, אַז עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אִיר צוּ רַאטֶעוֶוען, דֶערְפַאר הָאט זִי דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אַלְס קֵיסֶרְ'טֶע, גֶעשִׁיקְט מֶען זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דֶעם בֶּערְגִיר מִיט זַיין וַוייבּ, צוּ בַּאצָאלְן אִיר 'הַכָּרַת הַטּוֹב' וָואס זִי הָאט צוּ אִים.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי סֶדְרָה דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּכּוּרִים, וָואס אִיז דִי מִצְוָה פוּן 'הַכָּרַת הַטּוֹב', אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ פֶעלְד וואו עֶס וַואקְסְט פְּרוּכְט, דַארְף עֶר קוּמֶען צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דִי עֶרְשְׁט גֶעצַייטִיגְטֶע פְּרוּכְט אוּן דַאנְקֶען דֶערְמִיט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין פֶעלְד, אַזוֹי

וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כו, ב): **"וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ"**, דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען פוּן דִי עֶרְשְׁט גֶעצַייטִיגְטֶע פְּרוּכְט פוּן דִי עֶרְד, וָואס דוּ וֶועסְט בְּרֶענְגֶען פוּן דַיין עֶרְד, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִיר, אוּן **"וְאָמַרְתָּ אֵלָיו הִגַּדְתִּי הַיּוֹם"** (שָׁם, פָּסוּק ג), דוּ זָאלְסְט זָאגְן פַארְ'ן כֹּהֵן: אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין 'כְּפוּי טוֹבָה' (סִפְרִי דְּבָרִים, פִּסְקָא רצט), עֶרְשְׁט יֶעצְט נָאכְ'ן בְּרֶענְגֶען דִי בִּכּוּרִים קֶען עֶר אַהֵיים גֵיין עֶסְן פוּן דִי פְּרוּכְט.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס טוּט דִיר עֶפֶּעס גוּטְס. הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה, וִוידֶערְאוּם זַיין אַ 'כְּפוּי טוֹבָה' אִיז זֵייעֶר אַ מִיאוּסֶ'ע מִדָּה.

אוּן דֶער קֵיסֶר. וִוי עֶר אִיז פַארְשִׁיקְט גִיוָוארִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיבֶּעטִין דִי וָואס הָאבִּין אִים גִיפִירְט. אַז זֵיי זָאלִין אִים לָאזִין. וָוארִין אִיךְ בִּין זִיךְ פָּארְט גִיוֶוען אַייעֶר קֵיסֶר. אוּן אִיךְ הָאבּ אַייךְ בְּוַודַּאי גִיטָאן טוֹבוֹת. הַיינְט. טוּט מִיר דָאס צוּלִיבּ אוּן לָאזְט מִיךְ גֵיין. וָוארִין אִיךְ וֶועל זִיךְ מִיךְ שׁוֹין בְּוַודַּאי נִיט אוּם קֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה. הָאט אִיר קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין. לָאזְט מִיךְ. לָאם אִיךְ מִיר גֵיין. לָאם אִיךְ כָאטְשֶׁע פְּרַיי זַיין דָאס בִּיסֶל לֶעבִּין וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ צוּ לֶעבְּן. הָאבִּין זֵיי אִים גִילָאזְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען. דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּמָּה שָׁנִים אוּן דֶער קֵיסֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם. הָאט דֶער וִוינְט דִי שִׁיף אוֹיךְ אַוֶועק גִיטְרָאגִין. אוּן עֶר אִיז

<<<

## חִיזוּק וִוינְקֶל

מֶען דַארְף אָנְזָאגְן דִי טִיטְשֶׁערְס אַז אוֹיבּ אַ מֵיידְל פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין - בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דֶרֶךְ אֶרֶץ וּמִידּוֹת טוֹבוֹת, דַארְף דִי מֵיידְל בַּאקוּמֶען אַ קְנַס, אָבֶּער וֶוען מֶען קַנְסְ'עֶט דַארְף מֶען עֶס טוּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען דַארְף זִיךְ אַרַיין לֵייגְן אִינֶעם קִינְדְ'ס שִׁיךְ; מֶען גֶעבְּט אַ לַייכְטֶע קְנַס אוּן וֶוען דִי מֵיידְל זֶעט אַז מֶען רֶעכְנְט זִיךְ מִיט אִירֶע גֶעפִילְן וֵויל זִי נָאכְדֶעם זַיין גוּט אוּן וואוֹיל.

אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי מְלַמְּדִים: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי אַרוֹיס שְׁטֶעלְן קִינְדֶער קְלָאצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה". אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד שְׁטֶעלְט אַרוֹיס יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג קִינְדֶער צוּ זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, דַארְף מֶען אַרוֹיס שְׁטֶעלְן דֶעם מְלַמֵּד וְכוּ'. אִיךְ צָאל נִישְׁט קַיין גֶעהַאלְט פַאר מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן זִיצְן אִין כִּתָּה אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן זֵיי אַרוֹיס שִׁיקְן אִינְדְרוֹיסְן, אִיךְ צָאל זֵיי אַ גֶעהַאלְט זֵיי זָאלְן הַאלְטְן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד אִין כִּתָּה אוּן לֶערְנֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. אוּן אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן וְכוּ' זָאל עֶר מוֹחֵל זַיין זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע אַרְבֶּעט.

וֶוער אִיז אַ גוּטֶער מְלַמֵּד? אֵיינֶער וָואס נֶעמְט דִי לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער, דִי גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער וָואס שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אוּן עֶר גֶעבְּט זִיךְ מִיט זֵיי אַן עֵצָה. אַ מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט נָאר מִיט דִי בַּטְלָנִ'ישֶׁע קִינְדֶער, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען זִיךְ סַיי וֵויי נִישְׁט עֶפֶּעֶגען דָאס מוֹיל וְכוּ' - דֶער אִיז נִישְׁט קַיין מְלַמֵּד, וַוייל אוֹיף צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען אִים נִישְׁט הָאבְּן. וֶוען אַ מְלַמֵּד הָאט אַ גוּטֶע שְׁפְּרַאךְ מִיט דִי לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער, עֶר נֶעמְט דִי קִינְדֶער וָואס הֵייסְן 'מְחוּצָפִּים' אוּן עֶר מַאכְט זֵיי פַאר זַיינֶע בֶּעסְטֶע קִינְדֶער - דָאס הֵייסְט אַ מְלַמֵּד.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד בְּמֶשֶׁךְ פִינְף יָאר פַאר דְרַייצְן יֶערִיגֶע קִינְדֶער - כִּתָּה ט'; אִיךְ פְּלֶעג זֶען וִוי קִינְדֶער זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה אַ גַאנְץ יָאר, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין וֶוען זֵיי וֶועלְן אָנְקוּמֶען צוּ מִיר? וִוי אַזוֹי וֶועלְן אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי?' לְמַעֲשֶׂה וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה ט' הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶענוּמֶען אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן דִי מְצֻיָּנִים אִין כִּתָּה. דָאס קֶען מֶען בַּאשְׁטֶעטִיגְן בַּיי אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים; דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן דָאס מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן, וָואס הֵייסְט, זֵייעֶר מְחוּצָף, זֵייעֶר קִינְד וָואס דַארְף שׁוֹין טֶערֶעפִּי אִיז גֶעוָוארְן דִי בֶּעסְטֶע קִינְד אִין כִּתָּה...

וֶוען אַ קִינְד פַארְגֶעסְט עֶפֶּעס צוּ בְּרֶענְגֶען פוּן שְׁטוּבּ, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן פַארְן קִינְד "גֵיי אַהֵיים"; אַ מְלַמֵּד וָואס שִׁיקְט אַהֵיים קִינְדֶער אִינְמִיטְן טָאג דַארְף עֶר אַהֵיים גֶעשִׁיקְט וֶוערְן (חוּץ פוּן דֶעם וָואס דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אַחֲרָיוּת, וַוייל דֶער קִינְד קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אוֹיפְ'ן גַאס). יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען פַארְגֶעסְן צוּ בְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס. אִיךְ בִּין שׁוֹין כִּמְעַט פֶערְצִיג יָאר אוּן אִיךְ קֶען אוֹיךְ פַארְגֶעסְן וִויכְטִיגֶע זַאכְן וָואס דַארְפְן וֶוערְן גֶעטוּן. אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ מֶענְטְשׁ אוּן אַ קִינְד אִיז אַ קִינְד; דֶער מְלַמֵּד הָאט אַ פְלִיכְט צוּ זוּכְן מִיט זַיין פַארְשְׁטַאנְד אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען מַאכְן אַז דֶער קִינְד זָאל גֶעדֶענְקֶען צוּ בְּרֶענְגֶען וָואס עֶר דַארְף בְּרֶענְגֶען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת יִתְרוֹ תשע"ח לִפְרָט קָטָן)

אוֹיךְ גִיקוּמֶען צוּ דֶער מִדְבָּר הַנַ"ל. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט וָואס זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען דָארְט גִיזֶעסִין (דְהַיְינוּ דֶער בָּחוּר דֶעם בֶּערְגִירְס זוּן. אוּן זַיין טָאכְטֶער דִי יְפַת תּוֹאַר וָואס זִי אִיז גִיגַאנְגֶען וִוי אַ זָכָר) הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט דֶערְקָאנְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. וָוארִין דֶער קֵיסָר אִיז שׁוֹין פַארְוַואקְסְן גִיוָוארִין מִיט הָאר אוּן סֶע אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּמָּה שָׁנִים אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אוֹיךְ פַארְוַואקְסִין גִיוָוארִין מִיט הָאר כַּנַ"ל. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט דוּרְךְ אַ סוֹחֵר. אוּן אַזוֹי זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיעֶנְפֶערְט. זֶענֶען דִי דְרַיי דָארְט גִיזֶעסִין אִין אֵיינֶעם. אוּן הָאבִּין דָארְט גִיגֶעסִין אוּן גִיטְרִינְקֶען. כַּנַ"ל. אוּן זֵיי הָאבִּין דָארְט גִישְׁפִּילְט אוֹיף כְּלֵי שִׁיר. וָוארִין זֵיי אַלֶע הָאבִּין גִיקֶענְט שְׁפִּילִין. וָוארִין דֶער אִיז אַ קֵיסָר. אוּן אַזוֹי זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיקֶענְט שְׁפִּילִין.

אוּן עֶר דְהַיְינוּ דֶער בָּחוּר. עֶר אִיז גִיוֶוען דֶער בְּרִיָּה צְוִוישְׁן זֵיי. וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גִיוֶוען פוּן לַאנְג. אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵיי צוּ בְּרֶענְגֶען פְלֵיישׁ הָאבִּין זֵיי גִיגֶעסִין. אוּן זֵיי פְלֶעגִין דָארְט בְּרֶענֶען הָאלְץ וָואס סֶע אִיז טַייעֶרֶער גִיוֶוען פוּן גָאלְד אִין יִישׁוּב. פְלֶעגְט זֵיי דֶער בָּחוּר צוּ דְרִינְגֶען אַז דָא אִיז גוּט אִיבֶּער צוּ לֶעבִּין דִי יָארִין. וֶועדְלִיג דָאס גוּטְץ וָואס מֶענְטְשִׁין הָאבִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט אִין יִישׁוּב. אִיז בֶּעסֶער אַז מֶען זָאל דָא זִיצִין. מֶען זָאל דָא אִיבֶּער לֶעבִּין דִי וֶועלְט. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס פַאר אַ גוּטְץ הָאסְטוּ דֶען גִיהַאט אַז דוּ זָאגְסְט אַז דָא אִיז פַאר דִיר בֶּעסֶער. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אוּן הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט. וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן וִוי עֶר אִיז גִיוֶוען אַ בֶּערְגִירְס זוּן וְכוּ' בִּיז עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען אוּן וָואס אִיז אִים דְרוֹיס גִיקוּמֶען וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ בֶּערְגִירְס זוּן. עֶר הָאט גִיהַאט כָּל טוּב. דָא הָאט עֶר אוֹיךְ כָּל טוּב. (אַזוֹי הָאט דֶער בָּחוּר אַלְץ צוּ זֵיי גִיזָאגְט) אוּן עֶר הָאט זֵיי גִידְרוּנְגֶען אַלְץ אַז דָא אִיז גוּט אִיבֶּער צוּ לֶעבִּין דִי וֶועלְט.

הָאט אִים דֶער קֵיסָר גִיפְרֶעגְט. הָאסְטוּ גִיהֶערְט פוּן דֶעם קֵיסָר. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט עֶר הָאט גִיהֶערְט. הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיף דֶעם יְפַת תּוֹאַר. אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אִיר. הָאט עֶר אִים אוֹיךְ גִיעֶנְפֶערְט. יוֹא. הָאט דֶער בָּחוּר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ רֵיידִין מִיט כַּעַס אוּן הָאט גִיזָאגְט. דֶער רוֹצֵחַ. (אַזוֹי וִוי אֵיינֶער קְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין אַזוֹי הָאט דֶער בָּחוּר גִיזָאגְט מִיט כַּעַס אוֹיף דֶעם קֵיסָר וָואס זֵי הָאבִּין פוּן אִים גְשְׁמוּסְט. וָוארִין עֶר הָאט נִיט גִיוואוּסְט אַז דֶער קֵיסָר אַלֵיין שְׁמוּסְט מִיט אִים) הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. פַארְוָואס אִיז עֶר אַ רוֹצֵחַ. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיבֶּער זַיין אַכְזָרִיּוֹת אוּן אִיבֶּער זַיין גַסוּת בִּין אִיךְ אַהֶער גִיקוּמֶען. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. וִוי אַזוֹי אִיז דָאס גִיוֶוען. הָאט זִיךְ דֶער בָּחוּר מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. דָא הָאט עֶר זִיךְ פַאר קֵיינֶעם קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט אוּן הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן.

דֶער בָּחוּר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר אִים [נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג אַז עֶר אִיז דֶער קֵיסָר אַלֵיינְס], אַלֶעס וָואס עֶר לַיידְט צוּלִיבּ דֶעם קֵיסָר, אַז דֶער קֵיסָר הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען זַיין שִׁידוּךְ, אוּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען, דוּרְכְ'ן אַרַיין וַוארְפְן אִין וַואסֶער, אוּן צוּלִיבּ אִים וַואנְדֶערְט עֶר שׁוֹין אַרוּם דָא אִין מִדְבָּר פַאר לַאנְגֶע יָארְן וְכוּ' וְכוּ', בִּפְרָט אַז דָאס אַלֶעס אִיז נָאךְ אוֹיךְ וֶוען זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעהַאט גֶעהָאלְפְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ אִים צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען זַיין וַוייבּ.

הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. אַז דֶער קֵיסָר זָאל דִיר קוּמֶען אִין דֶער הַאנְט אַרַיין וָואלְסְטוּ זִיךְ אִין אִים הַיינְט נוֹקֵם גִיוֶוען. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט נֵיין (וָוארְן עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין גוּטֶער אֵיין רַחְמָן) אַדְרַבָּא אִיךְ וָואלְט אִים אַזוֹי מְפַרְנֵס גִיוֶוען. וִוי אִיךְ בִּין דִיךְ מְפַרְנֵס.

## דָאס וָואלְט פַּאסִירְט אֲפִילוּ אָן יֶענֶעם

דָאס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אֲפִילוּ דֶער קֵיסָר הָאט אִים גֶעטוּן אַזוֹיפִיל צָרוֹת אִין לֶעבְּן, דָאךְ גְלֵייבְּט עֶר אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען בַּאשֶׁערְט פַאר אִים, דֶערְפַאר אִיז עֶר גָארְנִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן קֵיסָר.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע לִימּוּד פַאר אוּנְז, אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶעבְּן מִיט דֶעם, וואוּסֶענְדִיג: "אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף מִיר קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט 'דֶער' אִיז שׁוּלְדִיג פַאר מִיר אוּן נִישְׁט 'יֶענֶער' אִיז שׁוּלְדִיג פַאר מִיר, אַוַודַאי דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט עֶס גֶעבְּרֶענְגְט צוּ מִיר, זַייעֶנְדִיג דֶער שליח - וֶועט בַּאקוּמֶען זַיין שְׁטְרָאף, אָבֶּער אִיךְ גְלֵייבּ אַז דָאס וָואלְט פַּאסִירְט אֲפִילוּ אָן יֶענֶעם, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּאשֶׁערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס זָאל פַּאסִירְן פַאר מִיר".

## רָזָא דְגִלְגוּלָא

אִיךְ זִיץ אַ גַאנְצְן טָאג מִיט בָּחוּרִים, הֶער אִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג בָּחוּרִים וֵויינֶען: 'מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעפַּיינִיגְט', 'מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעפַּיינִיגְט', 'אַלֶעס וָואס אִיךְ לַייד אִיז צוּלִיבּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן' וְכוּ', דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי אַלֶע טַעֲנוֹת אוּן קַשְׁיוֹת וָואס מֶען הָאט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער, אַלֶע מַיינֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן אוּן צָרוֹת וְכוּ' וְכוּ', וָואלְט אִיךְ סַיי וִוי גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּערְגֵיין, וַוייל דִי אַלֶע זַאכְן מִיט וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶענֶען זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט זַיינֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן, עֶס אִיז 'רָזָא דְגִלְגוּלָא', עֶס קוּמְט אִים צוּלִיבּ וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּלִים, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן אוּן זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט.

הָאט ווִידֶער דֶער קֵיסָר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ זִיפְצְן אוּן צוּ קְרֶעכְצִין. אוּן הָאט גִיזָאגְט. וָואס פַאר אֵיין שְׁלֶעכְטֶע אוּן אֵיין בִּיטֶערֶע עֶלְטֶער דֶער קֵיסָר הָאט. וָוארִין עֶר הָאט גִיהֶערְט אַז דִי טָאכְטֶער זַיינֶע דִי יְפַת תּוֹאַר אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. אוּן עֶר אַלֵיין אִיז פַארְשִׁיקְט גִיוָוארִין הָאט זִיךְ ווִידֶער דֶער בָּחוּר אָנְגִירוּפִין. אִיבֶּער זַיין אַכְזָרִיּוֹת (כְּלוֹמַר אוּם דֶער בַּארִימְקֵייט) אוּן אִיבֶּער זַיין גַדְלוּת. הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גִיבְּרַאכְט אוּן זַיין טָאכְטֶער. אוּן אִיךְ בִּין אַהֶער פַארְוָוארְפִין גִיוָוארִין. אַלְץ אִיבֶּער אִים. הָאט עֶר אִים ווִידֶער גִיפְרֶעגְט (דֶער קֵיסָר צוּ דֶעם בָּחוּר) אַז עֶר זָאל דִיר קוּמֶען אִין דֶער הַאנְט אַרַיין. וָואלְסְטוּ זִיךְ אִין אִים נוֹקֵם גִיוֶוען עֶנְפֶערְט עֶר אִים נֵיין. אִיךְ וָואלְט אִים אַזוֹי מְפַרְנֵס גִיוֶוען פוּנְקְט אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין דִיךְ מְפַרְנֵס. הָאט זִיךְ דֶער קֵיסָר דֶערְקֶענְט צוּ אִים. אוּן הָאט אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען אַז עֶר אִיז דָאס אַלֵיין דֶער קֵיסָר. אוּן וָואס סֶע הָאט זִיךְ מִיט אִים אִיבֶּער גִיטָאן. אִיז דֶער בָּחוּר אוֹיף אִים אַנִידֶער גִיפַאלִין אוּן הָאט אִים גִיקוּשְׁט אוּן גִיהַאלְצְט.

## גֶעקוּשְׁט אוּן גֶעהַאלְזְט

דָא זֶעט מֶען דֶעם בָּחוּר'ס גְרוֹיסְקֵייט, עֶר אִיז דָאךְ יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶר הָאט יֶעצְט דֶעם קֵיסָר נֶעבְּן זִיךְ, וָואס דֶער קֵיסָר הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען זַיין לֶעבְּן, עֶר הָאט אִים אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט, דִי אַלֶע יָארְן וַואנְדֶערְט עֶר דָא אַרוּם נָאר צוּלִיבּ אִים, אָבֶּער אַנְשְׁטָאט זִיךְ יֶעצְט נוֹקֵם זַיין אִין אִים, אִים צוּרִיק צָאלְן דָאס שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט אִים גֶעטוּן, הָאט עֶר אִים גָאר אַרוּם גֶענוּמֶען אוּן גֶעקוּשְׁט אוּן גֶעהַאלְזְט.

דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, אַ מֶענְטְשׁ זָאל בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שְׁוֶוער הַארְץ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים אַזוֹי גֶעפַּיינִיגְט, וואוּסֶענְדִיג מִיט אַזַא קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בִּכְלַל נִישְׁט זַיין אָנְגֶעוֶוייטָאגְט אוֹיף יֶענֶעם.

אוּן זִי (דְהַיְינוּ דִי יְפַת תּוֹאַר וָואס זִי אִיז דָא אוֹיךְ גִיוֶוען. נָאר פַארְשְׁטֶעלְט כַּנַ"ל) הֶערְט דָאס אַלְץ וִוי דִי בֵּיידֶע שְׁמוּסִין אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין.

אוּן דֶער בָּחוּר אִיז זַיין סֵדֶר גִיוֶוען. עֶר פְלֶעגְט אַלֶע טָאג גֵיין. אוּן הָאט זִיךְ אֵיין סִימָן גִימַאכְט אִין דְרַיי בֵּיימֶער. אוּן הָאט דָארְט גִיזוּכְט דָאס כְּתַב.

## נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען

דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען פוּן דֶעם כְּתַב, וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם בַּת קֵיסָר אֵיידֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ צֶעשֵׁייד אֵיינֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן, אוּן אִיז עֶס נָאךְ גֶעגַאנְגֶען יֶעדְן טָאג עֶס זוּכְן צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער.

וָוארִין סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַלְפֵי אֲלָפִים בֵּיימֶער. פְלֶעגְט עֶר זִיךְ מַאכִין אֵיין סִימָן אִין דְרַיי בֵּיימֶער וָואס עֶר הָאט גִיזוּכְט. כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין מָארְגִין נִיט בַּאדַארְפִין זוּכִין אִין דִי דְרַיי בֵּיימֶער. אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טָאן אַלֶע טָאג. טָאמֶער פָארְט וֶועט עֶר גִיפִינֶען דָאס כְּתַב. (דְהַיְינוּ דָאס כְּתַב וָואס זִי הָאט אִים גִישִׁיקְט וָואס סֶע אִיז בַּיי אִים פַארְפַאלִין גִיוָוארִין צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער כַּנַ"ל).

## שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב

מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַסְבִּיר (אין ספר נהרי אפרסמון), דִּי דְּרֵיי בֵּיימֶער זֶענֶען דִּי 'דְּרֵיי תְּפִלּוֹת' וָואס אַ אִיד דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב; אַז מֶענְטְשׁ ווִיל טְרֶעפְן דֶעם כְּתָב, דָאס מֵיינְט עֶר ווִיל טְרֶעפְן זַיין שִׁידּוּךְ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאנְט צוּ אִים, זָאל עֶר דַאוֶוענֶען דִּי דְּרֵיי תְּפִלּוֹת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## מֶען הָאט אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט...

אָבֶּער מֶען דַארְף וויסְן, מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן; דָא אִין שְׁטָאט אִיז זִיכֶער נִישְׁט דָא קַיין תֵּירוּצִים דֶערוֹיף - אֲפִילוּ אִין קְלֵיינֶע שְׁטֶעט אִיז אוֹיךְ נִישְׁט דָא קַיין תֵּירוּץ אוֹיף נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, עֶס אִיז פּוּנְקְט ווִי וֶוען מֶען הָאט אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט - וֶועט מֶען זִיכֶער זַיין אִין צַייט, מֶען וֶועט נִישְׁט דְּרֵייעֶן מִיט קַיין תֵּירוּצִים פוּן פַארְשְׁפֶּעטוּנְגֶען, אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּ זַיין אִין צַייט בַּיים דַאוֶוענֶען, כְּדֵי נִישְׁט צוּ פַארְפַאסְן תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר - אָבֶּער דָא אִין שְׁטָאט אִיז דָאךְ דָא אַ גַאנְצְן טָאג מִנְיָנִים פַאר שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, דַארְף מֶען גָאר שְׁטַארְק זַיין גֶעוָוארְנְט דֶערִין.

## אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף אוֹיךְ אַ שִׁידּוּךְ...

יֶעדֶער קֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דֶעם כְּתָב לוֹיט זַיין מַצָּב, אַ בָּחוּר וָואס וַוארְט אוֹיף זַיין שִׁידּוּךְ, מֵיינְט דָאס 'כְּתָב' זַיין שִׁידּוּךְ, עֶר זָאל שְׁטַארְקְן אִין דִּי דְּרֵיי תְּפִלּוֹת, וֶועט עֶר זוֹכֶה צוּ זִין טְרֶעפְן זַיין שִׁידּוּךְ. אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט שׁוֹין זַיין שִׁידּוּךְ, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת, דַארְף אוֹיךְ אַ שִׁידּוּךְ; אַ שִׁידּוּךְ מֵיינְט נִישְׁט סְתַּם זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, וָואס הָאט מֶען פוּן זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוֹיב קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען צוּ לֶעבְּן מִיט דִּי ווַייבּ? זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים דַאוֶוענֶען: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן 'שְׁלוֹם בַּיִת', אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט מַיין ווַייבּ בְּשָׁלוֹם, גִּיבּ מִיר שֵׂכֶל אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אִיר".**

## גֶעזֶעצְן אֵיינֶער נֶעבְּן אַנְדֶערְן

מֶען זֶעט דָא אִין דִּי מַעֲשֶׂה אַז דִּי בַּת קֵיסָר אִיז גֶעוֶוען דִּי בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידּוּךְ פַאר'ן בָּחוּר, אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעזֶעצְן אֵיינֶער נֶעבְּן אַנְדֶערְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַזוֹי זֶענֶען דָא נֶעבֶּעךְ מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן יָארְן מִיט דִּי ווַייבּ אָבֶּער הָאבְּן נִישְׁט קַיין נָאנְטְשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, עֶר זוּכְט נָאךְ דֶעם כְּתָב, עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ אֱמֶת'ער שִׁידּוּךְ מִיט זַיין ווַייבּ, אִיז דָאס זַיין עֵצָה עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ אֱמֶת'ער רִיכְטִיגֶע שְׁלוֹם בַּיִת.

## אִיךְ גֵיי נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִּיר פַאר זִיבְּן יָאר

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין נט.) עֶס אִיז דָא אַ פְּלִיג מִיט'ן נָאמֶען "בַּקָא", דֶער פְּלִיג לֶעבְּט אִינְגַאנְצְן אֵיין טָאג, אַנְשְׁטָאט דִּי פְּלִיג זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט'ן פָּאר - קְרִיגְן זֵיי זִיךְ אוּן בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפ'ן צְווייטְן, דִּי נְקֵבָה פְּלִיג זָאגְט פַאר'ן זָכָר פְּלִיג: **"חֲזִיתֵיהּ לִבְרַ מְחוֹזָא דִּסְחָא בְּמַיָּא וּ סְלִיק וְאִיכְּרַךְ בִּסְדִינִין, וְאוֹתִיבַת עֲלֵיהּ וּמִצַּת מִינֵּיהּ וְלָא הוֹדַעַת לִי"**, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי דוּ הָאסְט גֶעבִּיסְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁווִימֶען אִין וַואסֶער אוּן דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶערוּפְן אִיךְ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן פוּן זַיין בְּלוּט צוּ עֶסְן, דֶערְפַאר גֵיי אִיךְ נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִּיר פַאר זִיבְּן יָאר; דִּי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי לַאכְעֶדִיג, זֵיי לֶעבְּן קוֹים אֵיין טָאג אוּן זֵיי קְרִיגְן זִיךְ פַאר זִיבְּן יָאר, עֶס אִיז לַאכְעֶדִיג וֶוען מֶען הֶערְט עֶס דֶערְצֵיילְן אוֹיפ'ן פְּלִיג, אוֹיךְ אִיז עֶס ווֵיינֶעדִיג וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס פִּירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען מֶען בְּלַייבְּט דָא אוֹיף אֵייבִּיג, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן פְלִיט אַרִיבֶּער אַזוֹי ווִי פוּפְצְן מִינוּט, פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן?! אַ שָׁאד דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶעבְּט זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט קְרִיגֶערַייעֶן.

## גֶעוֶואנְדְן אִין דִּי מוֹיל

שְׁלוֹם בַּיִת אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִּי מוֹיל, דֶער מַאן זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ זַיין ווַייבּ אוּן אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אַז 'שְׁלוֹם בַּיִת' אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; וויפִיל אִיךְ רֶעד דֶערְפוּן זֶע אִיךְ אַז דָאס אִיז דִּי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ צוּ טוּן, עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן זַיין טַאשׁ גֶעלְט אוּן קוֹיפְן אַ מַתָּנָה פַאר זַיין ווַייבּ, ווִי אֵיידֶער אִיר זָאגְן דִּי וֶוערְטֶער: "אִיךְ הָאבּ דִּיר לִיבּ", "דוּ בִּיסְט מַיין לֶעבְּן", "אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִּיר". נִישְׁט אַז אִיךְ זָאג מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן מַתָּנוֹת פַאר דִּי ווַייבּ, נָאר אִיךְ זָאג אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

## זִי דַארְף עֶס נִישְׁט...

אִיךְ הָאבּ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶע מִיטְוָואךְ גֶעטְרָאפְן אַ אִינְגֶערְמַאן, פְרֶעג אִיךְ אִים: "דוּ גֶעבְּסְט גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ?" זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, אָבֶּער אִיךְ גִיבּ אִיר נִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל גוּטֶע וֶוערְטֶער, אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין פְּרוּבִּירְט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז זִי דַארְף עֶס נִישְׁט"; וָואס הֵייסְט זִי דַארְף עֶס נִישְׁט? דוּ ווָאלְסְט נִישְׁט גֶעווָאלְט דַיין ווַייבּ זָאל אַזוֹי רֶעדְן צוּ דִּיר? אַוַודַאי ווָאלְסְטוּ גֶעווָאלְט דַיין ווַייבּ זָאל דִּיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, גִיבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער.

## פַארְוָואס הָאסְטוּ דָא אַרַיינְגֶעטְרֶעטְן?!

אוּן אַז דַיין ווַייבּ שְׁרַייט אוֹיף דִּיר, ווֶער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, הֶער אִיר אוֹיס אוּן אַנְטְשׁוּלְדִיג זִיךְ פַאר אִיר; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, זִי הָאט אוֹיפְגֶעוַואשְׁן דִּי פְלָאר, אוּן זִי שְׁרַייט דִּיר אָן: "פַארְוָואס הָאסְטוּ דָא אַרַיינְגֶעטְרֶעטְן?!" בֶּעט אִיר אִיבֶּער, זָאג אִיר: "זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן", "וָואס קֶען אִיךְ דִּיר הֶעלְפְן?"

## בִּיז מֶען מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג

אֲפִילוּ מֶען מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אֱמֶת'דִיג דִּי וֶוערְטֶער וָואס מֶען זָאגְט, זָאגְט מֶען עֶס אַזוֹיפִיל מָאל בִּיז מֶען מֵיינְט עֶס שׁוֹין אֱמֶת'דִיג, מֶען מַאכְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג צוּ דִּי ווַייבּ בִּיז מֶען וֶוערְט אַזוֹי בֶּאֱמֶת.

## דִּי הִינְקֶעדִיגֶע בְּלִינְדֶע כַּלָּה

אַז מֶען מַאכְט אַ זַאךְ פְרֵיילִיךְ - וֶוערְט עֶס פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי ווִי דִּי גְמָרָא זָאגְט (כתובות יז.) דִּי בֵּית הִלֵּל זָאגְן וֶוען מֶען אִיז מְשַׂמֵּחַ אַ חָתָן זָאל מֶען אִים אוֹיסְלוֹיבְּן דִּי כַּלָּה זָאגֶענְדִיג, זִי אִיז אַ "כַּלָּה נָאָה וַחֲסוּדָה", זִי אִיז דִּי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע כַּלָּה, פְרֶעגְט דִּי גְמָרָא: "אֲפִילוּ אוֹיבּ זִי אִיז אַ הִינְקֶעדִיגֶע בְּלִינְדֶע כַּלָּה זָאל מֶען דָאס אוֹיךְ זָאגְן?" עֶנְטְפֶערְט בֵּית הִלֵּל: יָא! מֶען זָאל אִיר אוֹיסְלוֹיבְּן אִין זַיינֶע אוֹיגְן!" אֵייבִּיג וֶוען אִיךְ לֶערְן דִּי גְמָרָא קוּק אִיךְ אִין אַלֶע מְפָרְשִׁים צוּ טְרֶעפְן אַ פְּשַׁט דֶערוֹיף, לִכְאוֹרָה אִיז עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, עֶר ווֵייסְט דָאךְ אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת, אַז זִי אִיז הִינְקֶעדִיג אוּן בְּלִינְד, וָואס טוּט אוֹיף דָאס וָואס מֶען לוֹיבְּט אִיר אוֹיס? הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶע פוּן דִּי מְפָרְשִׁים זֶענֶען מַסְבִּיר, אַז אַזוֹי אִיז בַּיי מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ ווֵייסְט דֶעם אֱמֶת, אָבֶּער וֶוען עֶר הֶערְט ווִי מֶען רוּמְט עֶס אוֹיס, אִיז עֶס שׁוֹין גָאר אַנְדֶערְשׁ, זִי אִיז שׁוֹין נִישְׁט דִּי זֶעלְבֶּע הִינְקֶעדִיגֶע בְּלִינְדֶע כַּלָּה.

## אוֹיסְלוֹיבְּן דֶעם שִׁידּוּךְ

מַיין מַאמֶע שֶׁתִּחְיֶ' זָאגְט מִיר אֵייבִּיג וֶוען אִיךְ פִיר אוֹיס שִׁידּוּכִים פוּן חָתָן כַּלָּה וָואס טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף דִּי קִינְדֶער וְכוּ', אִיךְ זָאל אוֹיסְלוֹיבְּן דֶעם שִׁידּוּךְ פַאר'ן חָתָן, אִים זָאגְן ווִי אַ גוּטֶע שִׁידּוּךְ עֶר הָאט בַּאקוּמֶען, כְּדֵי עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט דָאךְ נֶעבֶּעךְ נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים זָאגְן ווִי אַ גוּטֶע שִׁידּוּךְ עֶס אִיז, אוּן אַז עֶר הֶערְט ווִי גוּט דָאס אִיז - וֶוערְט דָאס בֶּאֱמֶת גוּט!

## עֶר מוּז דָארְט מַאכְן אַ קוּמְזִיץ...

אַ חָתָן אִיז אֵיין טָאג אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ, ווַייזְנְדִיג זַיין נֵייעֶ בֶּעכֶער וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַלְס מַתָּנָה פוּן זַיין כַּלָּה; עֶר הָאט

נעבעך נישט קיין שטוב, ער האט נישט איינער וואס זאל אים רומען די בעכער, האבּ איך עס אויסגערומט, ווי שיין די בעכער איז, און ווי סאך דאס איז ווערד. דער מציאות איז, א מענטש האט גארנישט פון טייערע שיינע זאכן, נאר אויב קען ער עס ווייזן פאר איינעם, צום ביישפיל, ווען א מענטש בויעט זיך א גייע הויז, אויב קען ער דאס נישט ווייזן פאר קיינעם ווי שיין דאס איז, איז דאס גארנישט ווערד, ער מוז דארט מאכן א קומזיץ כדי מענטשן זאלן זען ווי שיין דאס איז.

## פארן ווי א טויטע רענדל...

דאס איז אן עצה אין אלעס, בפרט יעצט ווען עס קומט אז מען פארט צום רבי'ן אויף ראש השנה, דארף מען עס אויך מאכן מיט א פרייליכקייט, נישט פארן ווי א טויטע רענדל... נאר מאכן אן עסק פון דעם, אפילו עס איז שווער די גאנצע נסיעה, זאל מען זיך קודם מאכן פרייליך ביז מען וועט עס שוין מיינען אמת'דיג.

## מען פארט שוין צום רבי'ן!

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעכאפט זיין זון מיט א מורא'דיגע פרייליכקייט, זאגענדיג: "**מען פארט שוין צום רבי'ן! מען פארט שוין צום רבי'ן!**" - אזוי דארף מען טון, דאס פארן זאל זיין מיט די גרעסטע מאס שמחה, רעדן פון פארדעם ווי א גרויסע שמחה דאס איז, ווי שטארק מען ווארט שוין דערויף, בפרט היי יאר, וואס געווענליך פארט מען איין מאל א יאר, אבער היי יאר ווארט מען שוין דערויף צוויי יאר, ווייל פאריאר איז מען נישט דארט געווען אויף ראש השנה.

## חול המועד סכות הונדערט און צוואנציג יאר!

איינער האט מיר געפרעגט, מען איז מתפלל אין די עשרת ימי תשובה: "זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים, וכתבנו בספר החיים, למענך אלקים חיים", און "מי כמוך אב הרחמים, זוכר יצוריו לחיים ברחמים", און אזוי ווייטער בעט מען פילצאליגע תפילות אויף 'לעבן', וואס טוט א מענטש וואס איז שוין אום ראש השנה הונדערט און נייינצן יאר, ער ווערט חול המועד סכות הונדערט און צוואנציג יאר! ער קען דאך שוין נישט לעבן מער, א מענטש קען דאך נישט לעבן מער פון הונדערט און צוואנציג יאר, זאל ער אויך מתפלל זיין די תפלות וואו מען בעט אויף לעבן?

האב איך אים געענטפערט: דו מיינסט די 'לעבן' וואס מען בעט, מיינט מען די סארט לעבן וואס דו מיינסט? אזא לעבן וואס מיר האבן געלעבט פאריאר, דאס איז נישט קיין לעבן, מיר בעטן פונעם אייבערשטן מיר זאלן זוכה זיין צו 'לעבן', דאס איז סיי ווען מען לעבט אויף די וועלט און אפילו ווען מען איז שוין אויף יענע וועלט - זאל מען זיין 'חיים', אזוי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות יח.) "צדיקים במיתתן נקראו חיים", א צדיק אפילו ווען ער לעבט שוין נישט ווערט ער אנגערופן לעבעדיג, ווייל ער איז איינס מיט'ן באשעפער, ער איז צוגעקלעבט צום באשעפער סיי ווען ער לעבט און סיי ווען ער לעבט נישט. דאס זענען די אלע תפילות וואס מיר זענען מתפלל ביי די ימים נוראים'דיגע דאווענען'ס.

און אז ער פלעגט זיך אומקערן פון דארט פלעגט ער קומען מיט פארווייינטע אויגן. ווארן ער פלעגט וויינען. אז ער האט גיזוכט און האט נישט גיקענט גיפינען. האבן זיי אים גיפרעגט (דהיינו דער קיסר מיט דער יפת תואר) וואס זוכסטו צווישן די ביימער. און דערנאך קומסטו צוריק מיט פארווייינטע אויגן. האט ער זיי דערציילט די גאנצע מעשה. באשר די בת קיסר (דהיינו די יפת תואר) האט אים גישיקט א כתב. האט ער עס באהאלטין אין איין בוים פון די ביימער איז גיקומען איין שטורעם ווינט וכו' כנ"ל היינט זוכט ער טאמער וועט ער עס גיפינען. האבין זיי צו אים גיזאגט. מארגין אז דו וועסט גיין זוכין וועלין מיר מיט דיר אויך גיין. טאמער וועלין מיר גיפינען דאס כתב. איז אזוי גיוועזן. זענען זיי מיט אים אויך גיגאנגען. האט די בת קיסר גיפונען דאס כתב אין איין בוים. און זי האט עס אויך גיעפינט. האט זי גיזעהן. אז דאס איז איר אייגין כתב פון איר האנט.

האט זי זיך מיישב גיוועזן. אז זי וועט אים תיכף אויס זאגין. אז זי איז דאס אליין. אז זי וועט זיך ווידער אויסטאן די קליידער. און וועט זיך ווידער אומקערין צו איר שיינקייט. און זי וועט ווידער זיין א יפת תואר אזוי ווי פריער. קאן ער זיך אנידער פאלן און אויס גיין. און זי וויל סע זאל זיין בכשרות כדת (כלומר נעמען קאן זי אים דא ניט אין דער מדבר ווארין זי באדארף מיט אים חתונה האבין אזוי ווי סע קער צו זיין) איז זי גיגאנגען. און האט אים אומגיקערט דאס כתב און זי האט צו אים גיזאגט אז זי האט גיפונען דאס כתב. (כלומר דאס האט זי אים נאך ניט אויס גיזאגט אז זי איז דאס אליין נאר זי האט אים סתם גיזאגט אז זי האט דאס כתב גיפונען) איז ער תיכף אנידער גיפאלין און איז גיבליבין חלשות. האבין זיי אים דערמינטערט. איז צווישן זיי גיוועזן א גרויסע שמחה.

## ביידע פארן אויף די זעלבע פליגער

מיר גרייטן זיך שוין צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען פועל'ן אלעס גוטס. דארף מען אבער וויסן, ווי א שטערקערע אמונה מען האט - אלץ זעט מען מער ישועות; אוודאי, יעדער וואס פארט צום רבי'ן איז זוכה צום תיקון וואס דער רבי האט צוגעזאגט, אבער צו קענען זען מופתים ווענדט זיך אין די אמונה. עס קען זיין צוויי חברים, ביידע פארן אויף די זעלבע פליגער און זיצן אויף די זעלבע באנק, און איינער קומט אהיים מיט ישועות, און דער צווייטער זעט נישט זאכן זאלן זיך טוישן צום גוטן, וואס איז דער חילוק? נאר עס ווענדט זיך ווי אזוי מען איז געפארן, אז מען פארט מיט א שטארקע אמונה, פאר מען פארט זעצט מען זיך אראפ מיט די ווייב און מען מאכט א ליסטע וואס מען גייט דארט בעטן ביים רבי'ן, צום ביישפיל, דער קינד רעדט אביסל חוצפה'דיג, דער קינד מאכט איין ביינאכט אינמיטן שלאפן, דער קינד גייט אביסל קרום, דער קינד רופט מען פון חדר מיט פראבלעמען וכו'; אויך שרייבט מען וואס מען דארף, צום ביישפיל, מען דארף א נייע סוכה, א נייע שלאק, נייע בענקלעך, א נייע קאוטש, א נייע קאך, מען דארף איבער פעינטן די הויז וכו' וכו', און מען פארט מיט א אמונה אז מען גייט דאס אלעס פועל'ן ביים רבי'ן, דאן קומט מען טאקע אהיים מיט די ישועות, צוביסלעך וועט מען זען ווי אלעס גייט צום בעסערונג. אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קפו): פארוואס זעט מען ביי די מענטשן פון מדינת קיר"ה (אונגארן) אז זיי זעען שטענדיג מופתים פון צדיקים, ווייל זיי האבן א שטארקע אמונה אין די צדיקים; און דער רבי זאגט: "**כי באמת הצדיק בודאי מלא מופתים**", ביים צדיק איז דא נאר מופתים, ווען מען גלייבט אין זיינע ווערטער און מען לייגט צו קאפ צו יעדעס ווארט וואס דער צדיק זאגט דערמאלט זעט מען נאכדעם גרויסע מופתים.

און פארשטייט זיך אז דער עיקר פארט מען צו בעטן פאר זיך אליינס: "**רבונו של עולם העלף מיר איך זאל שוין זיין אן ערליכער איד, איך זאל שוין זוכה זיין צו דאווענען און לערנען, איך זאל שוין ווערן אביסל זויבער פון די שלעכטע זאכן וואס איך קוק און טו**".

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

## שיחה פונעם ראש ישיבה שליט"א

איידער דער ראש ישיבה שליט"א איז אהיים נאך די קידושא רבא האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן צו דעם איינגערמאן וואס איז עוסק אין דרוקן די גליונות 'סיפורי מעשיות' און די קונטרסים 'אשר היה אל יואל', און געזאגט: דו דארפסט זייער אכטונג געבן ווען דו דרוקסט די גליונות, נישט אריינצולייגן ליצנות און לשון הרע וואס מענטשן זאגן אויפ'ן רבי'ן און מוהרא"ש; אפילו מען זאגט דאס ביי די שיעורים, דאך קען מען דאס נישט דרוקן, קוק ווי רבי נתן ווען ער ברענגט אזעלכע שיחות שרייבט ער קיינמאל נישט ארויס די לשון הרע נאר ער שרייבט צו: "וכו' וכו'", אזוי זאלסטו שרייבן, מען דארף זייער אכטונג געבן נישט שרייבן קיין ליצנות אויף א צדיק מיחודי הדורות.